פרשת ויצא תשע"ו
שנה א' - גליון י'

# גליון עוללות הכרם

א אוצר פון דברי תורה און דערציילונגען פון צדיקים

מכון כרם בית שמואל אלכסנדר

יו"ל בס"ד ע"י
מכון כרם בית שמואל
שע"י חסידי אלכסנדר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## מכרם רבותינו

פון אונזער הייליגער וויינגאָרטען

### וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם

### דאווענען ביז עס וועט איהם לעכטיג ווערן

א איד דארף שטענדיג וויסן און טראכטען ווען ער שטעלט זיך דאווענען פאר'ן הייליגער בורא כל עולמים אז אין אמת'ן אריין איז ער נישט ווערד צו דאווענען פאר'ן הייליגער באשעפער, נאר דער אייבישטער פון זיין גרויס רחמנות אויף אונז איז א "שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה" און דער אייבישטער הערט צו די תפלה פון יעדן איינעם נישט קיין חילוק אין וועלכער מצב ער געפונט זיך.

דאס שטייט דא אין פסוק "וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם" וואס פון דעם לערנט מען ארויס אז די ערד איז איהם אנטקעגן געקומען און איהם באגעגנט, און אויך לערנט מען פון דא דער ענין פון 'תפלה' ווי **רש"י** זאגט אז ויפגע איז א לשון פון בעטן, ווייל די צוויי זאכן האבן א שייכות, פונקט אזוי ווי דער "וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם" אז די ערד איז איהם קעגן געקומען איז געווען א מתנה פון הימל ווייל דער אייבישטער האט רחמנות געהאט אויף יעקב אבינו, דאס זעלבע זאך איז די תפלה פון א איד, אויך נאר ווייל דער אייבישטער האט רחמנות אויף איהם און איז מסכים אויסצוהערן זיין תפלה.

און דאס איז פשט וואס חז"ל לערנען אונז אז "יַעֲקֹב אָבִינוּ תִּיקֵּן תְּפִלַּת עַרְבִית", **אז פון יעקב אבינו לערנען מיר זיך ארויס אז א איד קען דאווענען צום אייבישטער אין סיי וועלכע מצב ער געפינט זיך נאר, אפילו ווען ער איז אין א שוואכע מדריגה פון 'ערבית' וואס איז מרמז אויף טונקלקייט און זיין נשמה איז פינסטער, דאך קען ער דאווענען צום אייבישטער, ווייל השי"ת הערט אויס אונזערע תפלות שטענדיג פון זיין גרויס רחמנות.** און דאס איז פשט וואס חז"ל זאגן אין **מסכת ברכות** אז מען קען דאווענען מעריב "עַד שֶׁיַּעֲלֶה עַמּוּד הַשָּׁחַר" אז א איד זאל דאווענען אפילו ווען עס איז איהם פינסטער ח"ו, **ביז עס וועט איהם לעכטיג ווערן און דער אייבישטער וועט איהם ארייננשיינען א לעכטיגקייט אזוי ווי דער שיין פונ'ם טאג.**

(ספה"ק ישמח ישראל ג')

### וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם

### נישט זוכן קיין גרויסע מדריגות

**רש"י הק'** ברענגט אז יעקב אבינו איז קודם געגאנגען קיין חרן, ווען ער איז אנגעקומען קיין חרן האט ער געזאגט צו זיך, איך בין דאך אדורכגעגאנגען אין א פלאץ ווי מיינע עלטערן האבן געדאווענט און איך האב נישט מתפלל געווען דארט, און ער האט תיכף מחליט געווען צוריקצוגיין, און ער איז צוריקגעגאנגען ביז בית א-ל און דעמאלט'ס איז איהם דער הר המוריה אנטקעגן געשפרינגען און געקומען צו גיין. און לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט זיך יעקב אבינו טאקע נישט אָפגעשטעלט דאווענען דאס ערשטע מאל ווען ער איז אדורכגעגאנגען דעם הר המוריה, און נאר נאכדעם וואס ער איז שוין אנגעקומען קיין חרן האט ער זוכה געווען צו דאווענען אויפ'ן הר המוריה.

נאר דאס קומט אונז צו לערנען א גרויסע מוסר השכל -זאגט דער **רבי זכרונו לברכה כ"ק מרן רבינו יחאל מנחם זי"ע**- אז יעקב אבינו האט געוואלט מקיים זיין און טוהן דער רצון פון זיין טאטע, און וויבאלד יצחק אבינו האט איהם געשיקט קיין חרן זוכן א ווייב, האט ער גארנישט געוואלט טוהן מער פון דעם, נאר איין זאך "**פאלגן דעם טאטן**"! דאס איז געווען דער שטרעבן פון יעקב אבינו צו טוהן מיט א תמימות און אן ערליכקייט וואס מען דארף, נישט ווי די מענטשן וואס פארגעסן פונ'ם עיקר און זיי זענען פאַרנומען צו זוכן גרויסע 'מדריגות' און 'הַשָּׂגוֹת' וואס איז נישט זייער אויפגאבע...

און ווען א איד פירט זיך ערליך און מיט תמימות צו טוהן די מצוות און מעשים טובים וואס ער דארף, דעמאלט'ס וועט איהם שוין דער אייבישטער העלפן און שיקן מדריגות פון הימל, אזוי ווי עס האט טאקע פאסירט ביי יעקב, אז ער האט געפאלגט זיין טאטע און געגאנגען קיין חרן, שפעטער האט איהם שוין דער רבונו של עולם געגעבן א מתנה אז דער הר המוריה איז איהם אנטקעגן געקומען און ער האט זוכה געווען מתפלל צו זיין אויפ'ן פלאץ ווי זיינע עלטערן האבן געדאווענט. **ווייל דער עיקר איז אז א מענטש דארף טוהן וואס דער אייבישטער הייסט איהם, און גיין אין די וועגן פון זיינע עלטערן ווי זיי האבן איהם געלערנט און מחנך געווען, און נאכדעם וועט ער שוין זוכה זיין צו גרויסע מדריגות וואס מ'וועט איהם געבן פון הימל,** ווי שלמה המלך ע"ה זאגט אין **משלי** (י' ט') "הוֹלֵךְ בַּתֹּם יֵלֶךְ בֶּטַח" דער וואס גייט מיט א תמימות און טוט וואס ער האט צו טוהן, דער וועט אנקומען פאַרזיכערט.

(כ"ק מרן אדמו"ר זי"ע קידושא רבא פר' ויצא תשמ"ז)

## די כח פון תפלה

### מבטל זיין א גזירה

**הרה"ק רבי פנחס מנחם פון פילץ זי"ע אין ספר שפתי צדיק** (יארצייט י' כסלו, ער איז געווען אן אייניקל פון **הגה"ק רבי יצחק מאיר פון גור - דער חידושי הרי"ם זי"ע**) ברענגט ארויס די גרויסקייט און די שטארקע כח וואס דאווענען צום אייבישטער קען אויפטוהן. ווייל מיר געפונען אז **חז"ל** זאגן (ווי עס ווערט געברענגט אין רש"י) אויפ'ן פסוק "וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת" אז די אויגן פון לאה זענען געווען ווייך פון אסאך וויינען, ווייל מענטשן האבן געזאגט אז זי וואס איז די עלטערע טאכטער וועט חתונה האבן מיט עשו וואס ער איז דער בכור, און רחל וואס איז יונגער פון איר, וועט חתונה האבן מיט יעקב וואס איז אויך יונגער.

דאס ווארט 'רַכּוֹת' קען אבער אויך געטייטשט ווערן א לשון פון גוט און פיין, אזוי ווי מיר געפונען אין די תורה ביי אברהם אבינו וַיִּקַּח בֶּן בָּקָר 'רַךְ' וָטוֹב - אז ער האט גענומען א גוטע קעלבל. ווייל די תורה הק' וויל דא אויסלויבן לאה און ארויסברענגען אז איר געוויין האט אויפגעטוהן און האט איר אויסגע'פועל'ט א ישועה, און דאס מיינט "וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת" אז זי האט געטוהן א גוטע זאך מיט'ן וויינען, ווייל אין אמת'ן אריין וואלט זי טאקע געדארפט חתונה האבן צו עשו דער בכור, און אזוי איז שוין נגזר געווארן אין הימל אז דאס דארף געשען, און דאך האט לאה מיט איר כח התפלה צוריסן די שלעכטע גזירה און זי האט זוכה געווען חתונה צו האבן מיט יעקב.

**און דאס וויל אונז די תורה לערנען אז א איד זאל זיך קיינמאל נישט מייאש זיין פון דאווענען, נאר ער זאל שטענדיג בעטן און בעטן, כאטשיג ער האט שוין מערערע מאָל פרובירט מתפלל צו זיין און עס האט נאכנישט געהאלפן, זאל ער ווייטער דאווענען, ווייל זיין תפלה קען אפילו מבטל זיין א גזירה וואס איז שוין געווען באשערט, אזוי ווי חז"ל זאגן אונז אין אסאך ערטער.**

■ ■ ■

### די כח פון די אבות

נאך ברענגט **דער שפתי צדיק** בשם זיין זיידן **הגה"ק רבי יצחק מאיר פון גור - דער חידושי הרי"ם זי"ע** וואס האט נאכגעזאגט בשם דער **רבי רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע** אז דערפאר רופן מיר אהן תפלה מיט'ן נאמען "דאווענען" ווייל עס נעמט זיך פונ'ם ווארט 'דְאַבִינָן' דאס מיינט אז עס קומט פון אונזערע הייליגע אבות וואס זיי האבן ארייגעלייגט א כח אין תפלה אז יעדער איד זאל זיך קענען שטענדיג אויסבעטן ביים דאווענען, און מיר קומען פון זייער הייליגע כח.

# פירותיך מתוקים

דברי תורה אויף פרשת השבוע און ענינא דיומא

### וַיַּרְא ה' כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה

אין פסוק איז משמע אז לאה איז געווען פארפיינטעט, און לכאורה איז שווער ווי קען מען זאגן אזא זאך אז א צדיק ווי יעקב אבינו זאל חלילה פיינט האבן זיין ווייב. דער **רבי רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע** עקלערט אז די כוונה איז אויף לאה אליינס, ווייל יעדער צדיק האט זיך שטענדיג אליין 'פיינט', ווייל ווען ער מאכט נאר א חשבון הנפש טרעפט ער אין זיך אלעמאָל נאר חסרונות און זעהט נישט אין זיך קיין מעלות, און ער שפירט אז ער איז קיינמאל נישט יוצא זיין פליכט אין עבודת השי"ת. און דאס זאגט דא די תורה "וַיַּרְא ה' כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה" דער אייבישטער האט געזעהן ווי לאה האט זיך אליין פיינט און זי טראכט שטענדיג ווי נישט גוט זי איז.

(קול שמחה)

### הַפַּעַם אוֹדֶה אֶת ה' עַל כֵּן קָרְאָה שְׁמוֹ יְהוּדָה

אין פסוק שטייט אז יהודה ווערט אנגערופען אזוי אלס א לשון פון 'הוֹדָאָה' פון דאנקען און לויבן, אזוי ווי לאה האט געזאגט הַפַּעַם 'אוֹדֶה' אֶת ה'. **הרה"ק רבי יצחק מאיר פון גור – דער חידושי הרי"ם זי"ע** זאגט מען דעם אז דעריבער הייסט א איד מיט'ן נאמען **'יְהוּדִי'** ווייל א איד דארף שטענדיג דאנקען און לויבן השי"ת אויף אלע חסדים וואס דער רבוש"ע טוט מיט איהם. און נאך מער, **רש"י** זאגט אז די סיבה פארוואס לאה האט דא געדאנקט דעם אייבישטער און געזאגט הַפַּעַם אוֹדֶה אֶת ה', ווייל זי האט באקומען מער ווי איר חלק, [וויבאלד יעקב אבינו האט געהאט פיר ווייבער, און זיי האבן געמיינט אז יעדער וועט האבן דריי קינדער - צוזאמען וועט זיין צוועלף שבטים, דערוויל האט לאה דא געהאט א פערטע זוהן, האט זי געדאנקט דעם אייבישטער אויף דעם וואס זי האט באקומען מער ווי איר חלק וואס זי וואלט געדארפט באקומען].

אזוי אויך -זאגט דער **חידושי הרי"ם**- דארף יעדער איד דאנקען דעם באשעפער אויף דעם אופן און וויסן ביי זיך אז אלס וואס ער באקומט איז "מער ווי זיין חלק", ווייל באמת לויט אונזערע מעשים קומט זיך אונז גארנישט, נאר דער אייבישטער טוט מיט אונז א חסד און גיבט אונז אלע גוטע השפעות, און דעריבער דארף מען דאנקען אזוי ווי לאה האט געדאנקט הַפַּעַם אוֹדֶה אֶת ה'.

(חידושי הרי"ם)

### וּמֵאֲשֶׁר לְאָבִינוּ עָשָׂה אֵת כָּל הַכָּבֹד הַזֶּה

אן ערליכער איד לערנט זיך שטענדיג אפ פון די מענטשן אין דער גאס, ער זעהט ווי שטארק זיי לויפן נאך זייערע גשמיות'דיגע תאוות און זיי שטייען אויף פרי צו קענען פארדינען נאך געלט, נעמט דער צדיק פון דעם א מוסר השכל אז אודאי און אודאי ווען מען גייט לערנען תורה און טוהן מצוות דארף מען אויפשטיין פרי און לויפן מיט א זריזות. און אזוי האט יעקב אבינו טאקע געטוהן אין לבן'ס הויז, ער האט זיך שטענדיג אויסגעלערנט פון לבן'ס פלייסיגקייט אין גשמיות און אין הבלי עולם הזה, און ער האט עס גע'גנב'עט פאר זיך, זיך צו פארבעסערן אין עבודת ה' ווי די תורה הקדושה זאגט "וַיִּגְנֹב יַעֲקֹב אֶת לֵב לָבָן הָאֲרַמִּי" ער האט צוגע'גנב'עט לבן'ס הארץ. ווי אויך האבן לבן'ס קינדער גע'טענה'ט "וּמֵאֲשֶׁר לְאָבִינוּ עָשָׂה אֵת כָּל הַכָּבֹד הַזֶּה" אז יעקב אבינו איז צוגעקומען צו אלע זיינע מדריגות נאר דורך אונזער טאטע...

(תפארת שלמה)

### וַיֹּאמֶר הֲתַחַת אֱלֹקִים אָנֹכִי

די תורה הק' דערציילט אז רחל האט געבעטן פון יעקב אז ער זאל איר געבן קינדער, און יעקב האט זיך געבייזערט אויף איר אז ער איז נישט אנשטאָט דער אייבישטער, און שפעטער שטייט וַיִּזְכֹּר אֱלֹקִים אֶת רָחֵל וַיִּשְׁמַע אֵלֶיהָ אֱלֹקִים, און דער אייבישטער האט איר געהאלפן. דער **רמב"ן** שרייבט אז ווי נאר רחל האט געזעהן אז זי קען זיך נישט פארלאזן אויף יעקב'ס תפלות האט זי זיך גענומען אליין דאווענען צום באשעפער, און דער אייבישטער האט איר צוגעהערט.

אמאל זענען געקומען צום הייליגער **קאזניצער מגיד זי"ע** א דאָרפס איד מיט זיין ווייב אז דער רבי זאל זיי בענטשן און זיי זאלן געהאלפן ווערן מיט קינדער, האט דער קאזניצער מגיד געזאגט אז זיי זאלן געבן צוויי און פופציג גולדן אלס א פדיון, וויפיל עס באטרעפט דערווארט 'בן' און זיי וועלן געהאלפן ווערן מיט א בן זכר, דער איד האט נישט געוואלט געבן דער סכום און האט פראבירט צו 'האנדלען' מיט'ן מגיד זי"ע און ער האט נאר געוואלט געבן צוואנציג, אבער דער מגיד האט נישט מוותר געווען (ווי באקאנט אז צדיקים האבן געהאט א גרויסע ענין מיט'ן נעמען געוויסע סכומים פאר פדיונות כדי צו קענען ממשיך זיין א ישועה). דער איד וועלכער איז געווען גאר א פשוט'ער מענטש, האט זיך אויפגערעגט און געזאגט צו זיין פרוי מיט כעס "נעם דאס געלט פון טיש, און דער אייבישטער וועט אונז שוין העלפן אהן דעם מגיד".

ווען דער מגיד האט געהערט די ווערטער פונ'ם איד האט ער געזאגט פאר די ארומיגע אז דער איד איז שוין א געהאלפענער, ווייל זיינע ווערטער זענען געהערט געווארן אויבן אין הימל, **ווי נאר ער האט אפגעמאכט אז דער מגיד וועט איהם נישט העלפן און ער האט זיך פארלאזט אויפ'ן אייבישטער מיט'ן גאנצע הארץ.**

(ליקוטים חדשים)



## אוצר הכרם

### אן אוצר פון ידיעות, הלכות, און מנהגים בענינא דיומא

### יעקב מיט אליפז

אין ספר **בעלי ברית אברם** (וואס עס האט מחבר געווען דער גאון און מקובל **הרה"ק רבי אברהם אזולאי זי"ע** - א זיידע פונ'ם הייליגער **חיד"א זי"ע**) ווערט געברענגט אז ער האט געטראפן אין א פריערדיגער מקור אז ווען אליפז האט נאכגעיאָגט יעקב אבינו איהם צו הרג'ענען אויפ'ן באפעל פון זיין טאטע עשו, איז יעקב געזעצן אפגערוקט פון איהם פיר אמות און אליפז האט אנגעפאנגען צו וויינען, האט איהם יעקב אבינו געפרעגט פארוואס וויינסטו? האט אליפז געענטפערט אז זיין טאטע עשו האט איהם געשיקט הרג'ענען יעקב און ער איז מחוייב איהם צו פאלגען, און נישט נאר דאס, נאר עשו האט אויך געשוואוירען אז ער וועט אפשניידען דעם קאפ פון אליפז אויב ברענגט ער נישט צוריק מיט זיך דעם קאפ פון יעקב אבינו צו ווייזען אז ער האט איהם טאקע גע'הרג'עט, און וואס זאל איך טוהן -האט אליפז געוויינט- אז איך קען דיר דאך נישט הרג'ענען ווייל דו ביסט מיין רבי וואס האט געלערנט מיט מיר תורה...

האט איהם יעקב געזאגט איך האב אן עצה, נעם אוועק מיין גאנצע פאַרמעגן, און **חז"ל** זאגן דאך אז "עָנִי חָשׁוּב כְּמֵת" אן ארימאן ווערט גערעכנט ווי א טויטער, און ממילא וועסטו מקיים זיין מיט דעם כיבוד אב ווייל עס וועט זיין גערעכנט כאילו דו האסט מיר גע'הרג'עט, און לגבי ברענגען מיין קאפ, זאלסטו דערציילען פאר דיין טאטע אז דו האסט געטראגן מיין קאפ מיט דיר, אבער אויפ'ן וועג האט דיך באגעגנט א לייב און האט דיך נאכגעיאגט און דו האסט נישט געהאט קיין ברירה נאר אהינגעווארפן מיין קאפ כדי דער לייב זאל עס אויפעסן און דיך אפלאזן.

אליפז האט מסכים געווען צום פלאן, און יעקב איז צוגעגאנגען צום ברעג פונ'ם טייך וואס איז דארט געווען, און ער האט אויסגעטוהן די קליידער און אריין אין וואסער, און אליפז האט צוגענומען זיינע קליידער און אוועקגעגאנגען. יעקב אבינו איז געבליבען ארים אליין אינ'ם טייך אהן קיין קליידער אנצוטוהן, און ער האט אויפגעהויבען זיינע הענט צום הימל מיט א געוויין און געדאווענט צום באשעפער זאל איהם העלפן. תיכף ומיד איז געקומען צו פארן א רייטער אויף א פערד און ער האט געריטען דארטן נעבן דער טייך, ווען פלוצלינג איז ער אראָפּגעפאלן פון זיין פערד און זיין פיס האט זיך פאַראַנקעט אין עפעס, און ער האט זיך דערטראָנקען און געשטארבען. יעקב אבינו האט תיכף גענומען די קליידער פונ'ם רייטער און זיי אנגעטוהן, און ער איז געגאנגען צום בית המדרש פון שֵׁם ועבר וואס איז געווען אין די געגנט און ער האט זיך דארט 'באהאלטן' פאר פערצן יאהר און געלערנט תורה, ווייל ער האט מורא געהאט אז אפשר וועלן די קרובים פונ'ם געשטארבענער רייטער איהם טרעפן און זיי וועלן איהם באשולדיגן אז ער האט איהם גע'הרג'עט.

# הילולא דצדיקיא

כ"ק מרן אדמו"ר

## רבי יעקב יהודא טענענבוים

זצוקללה"ה

### דער ישרש יעקב פון נאַדֶערְזִין

יארצייט:
**ה' כסלו תרמ"ו**

**דער נאדערזינער רבי זי"ע** איז געבוירען געווארן צו זיין פאטער **הרב החסיד רבי נתן נטע** פון ווארשא וואס איז געווען פון די חשוב'ע פרשיסחא חסידים, און ער איז געווען א זוהן פונ'ם גאון און צדיק **רבי אהרן דער רב פון זאקראטשין זצללה"ה** וואס **דער אלטער ווארקער רבי - הרה"ק רבי יצחק זי"ע** האט עדות געזאגט אויף ר' אהרן אז נשמות פלעגן קומען צו איהם פון יענער וועלט אז ער זאל זיי געבן א תיקון.

זיין מאמע האט געשטאמט פון א מיוחס'דיגע משפחה פון כהנים, און מען האט דערציילט אז זיי האבן געהאט א צעטל מיט זייער אפשטאם און יחוס דור נאך דור ביז צו **עֵלִי הכהן** וואס איז געווען אין די צייטען פון די נביאים נאך פאר דער ערשטער בית המקדש.

**דער נאדערזינער רבי זי"ע** האט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס התמדה פון קינדוויז אהן, ער איז שטענדיג געלעגן אין לערנען, און אוועקגעווארפן פון זיך אלע גשמיות'דיגע הנאות און תענוגי עולם הזה.

אמאל אלס קינד גייענדיג אין חדר אריין, איז ער געגאנגען לערנען מיט גרויס חשק און זריזות, פונקט איז געשטאנען דארט א גוי'אישער יונג וואס האט איהם געוואלט טשעפענען און שטערן, האט ער ארויסגענומען א מעסער און איהם געמאכט א שניט אין זיין האנט ביז עס איז גערינען בלוט, אבער דער יונגל יעקב יהודה האט זיך נישט געלאזט שטערן, ער איז ווייטער געלאפן זיין וועג אין חדר אריין און זיך געזעצט לערנען מיט א געשמאק. גארנישט אין דער וועלט האט געקענט אוועקנעמען זיין זיסקייט אין תורה.

אמאל ווען ער איז געווען א קליין קינד איז ער געוועןאינ'ם שטוב פונ'ם **אלטער רבי פון ווארקא - הרה"ק רבי יצחק זי"ע**, און אויפ'ן טיש איז געלעגן א ספעציעלער קעסטל אנגעפילט מיט די קוויטלער וואס אידען האבן געהאט געברענגט פאר'ן ווארקער רבי'ן. ווען דער ווארקער רבי איז ארויסגעגאנגען פון צימער איז דער יונגל - דער נאדערזינער רבי צוגעגאנגען צום קעסטל און ער האט אריינגעשטעקט זיינע הענט און אנגעפאנגען שפילן מיט די קוויטלער און זיי געדרייט אהין און אהער, ווען דער ווארקער רבי איז צוריק אריינגעקומען אין זיין צימער און ער האט געזען ווי דאס קינד שפילט זיך מיט די קוויטלער, האט ער זיך אנגערופען מיט ליבשאפט **"לערן זיך, לערן זיך, ווייל איך בין זיכער אז דו וועסט קענען"...** זאגענדיג דערמיט אז ער וועט נאך ליינען קוויטלער פון אידן און זיין א פועל ישועות.

אין זיינע יונגע יארן איז דער נאדערזינער רבי געפארן מיט זיין טאטע קיין ווארקא, ווען דער אלטער ווארקער רבי איז נסתלק געווארן, איז זיין טאטע ווייטער געפארען קיין ווארקא צום **יונגער ווארקער רבי - הרה"ק רבי מנחם מענדל זי"ע** (דער זוהן פונ'ם אלטער ווארקער רבי), און דער נאדערזינער רבי אליינס איז אויך געפארן קיין ראדזימין צו **הרה"ק רבי יעקב אריה פון ראדזימין זי"ע**, און צו **הרה"ק רבי דוב בעריש פון ביאלא זי"ע.**

שפעטער האט דער **יונגער ווארקער רבי - הרה"ק רבי מנחם מענדל זי"ע** גענומען דעם נאדערזינער רבי פאר א חתן פאר זיין טאכטער, און ער איז געווארן דער ווארקער רבי'נס איידעם.

זיין גאנץ לעבן האט זיך דער נאדערזינער רבי זי"ע געפירט מיט גרויס קדושה און פרישות זייענדיג אפגעשיידט און אפגעזונדערט פון דער וועלט. א גאנצען טאג פלעגט ער זיצן פארשפארט אין זיין צימער און געדינט דעם אייבישטער, ער האט עוסק געווען אין תורה ועבודה און נישט אויפגענומען קיין


דער אוהל אינעם שטאט ווארשא ווי עס ליגט אויך דער נאדערזינער רבי זי"ע

מענטשן דורכ'ן טאג און אויך גארנישט גענומען אין מויל אריין. נאר שפעט ביינאכט נאנט צו חצות הלילה פלעגט ער ענדיגען זיינע שיעורים און תורה, און ערשט דעמאלט'ס פלעגט ער טועם זיין און עסן גאר וויניג, און נאכדעם אויפגענומען די חסידים וואס זענען געקומען צו איהם פאר א עצה און א ברכה.

כאטשיג וואס פאר זיך אליינס פלעגט ער זיך פירן מיט די אלע סיגופים און תעניתים, ווי אויך פלעגט ער מחמיר זיין אויף זיך גאר אסאך חומרות און זיך פירן גאר פרום און ערליך, **דאך פאר אנדערע מענטשן פלעגט ער הייסן אז זיי זאלן איהם נישט נאָכמאַכן און ער האט נישט געלאזט פאַסטן**. ווי אויך א 'חומרא' וואס האט נישט געהאט קיין געהעריגע מקור אין שולחן ערוך אדער אין די פוסקים האט ער אוועקגעמאכט, און נאר געטוהן אזעלכע חומרות וואס האבן א מקור אין שולחן ערוך.

ווי אויך האט ער געגעבן גאר אסאך צדקה מיט א מורא'דיגע ברייטקייט, כאטש פאר זיך האט ער כמעט נישט געהאט קיין געלט (ווייל ווייניג מענטשן זענען געקומען צו איהם אין די שפעטע נאכט שעות ווי געזאגט) אבער פאר ארימעלייט האט ער שטענדיג געהאט צו טיילן, און אסאך מאל האט מען זיך געקענט וואונדערן פון ווי ער האט בכלל אזעלכע גרויסע סומעס געלט פאר צדקה.

**דער אלטער רבי פון אלכסנדר - רבינו הק' רבי יחיאל זי"ע** האט זייער געשעצט און מכבד געווען דעם **נאדערזינער רבי זי"ע**. אין א בריוו וואס ער שיקט איהם איינלאדענען צו א חתונה באטיטלט איהם דער אלטער רבי זי"ע מיט גאר גרויסע און הייליגע טיטלען, ווי אויך שרייבט ער **אז דער נאדערזינער רבי איז איינגעקריצט טיף אין זיין הארץ, און ער קען קוים ווארטן זיך צו פרייען מיט איהם** (לכבוד ידי"נ כבוד קדושת הרב החסיד בוצינא דנהורא לעדת ישראל עין העדה וכו' המפורסם כקש"ת מו' יעקב יהודה שליט"א נ"י... הנני לקרוא על ראש שמחתי את ידיד נפשי החקוק במורשי לבבי השוכן בחדרי חדרים במחשבותי מעי וקירות לבבי המו המו לראותו מהרה בבריאות טוב וחזק ולשמוח עמו).

ווען דער נאדערזינער רבי זי"ע איז קראנק געווארן, איז דער אלטער רבי אמאל אריינגעקומען צום טיש פרייטאג צו נאכט'ס און פאר קידוש האט דער אלטער רבי זיך צעוויינט און געזאגט "מיינע פריינט איר זאלט וויסן אז עס הערשט א גרויס טייערקייט אויף דער וועלט, ווען תבואה אדער ווייץ קאסט טייער קען מען צולייגען נאך געלט און דאס קויפן פאר טייער, אבער אויב עס הערשט א יַקְרוּת (טייערקייט) אין 'אמת' דעמאלט'ס איז נישטא קיין עצה ווייל דאס קען מען נישט קויפן. יעקב יהודא בן ברכה (דער נאדערזינער רבי זי"ע) דארף גרויס רחמים, און ער איז אן איש אמת"...

**דער נאדערזינער רבי זי"ע** איז נסתלק געווארן אום ה' כסלו אין יאר תרמ"ו און מען האט איהם באהאלטן אינ'ם בית החיים אין ווארשא אינ'ם אוהל פון זיין הייליגער שווער **דער יונגער ווארעקר רבי זי"ע.**

# נוטעי הכרם

**תולדות פון די הייליגע רבי'ס פון אלכסנדר**

מאמר י'

- כ"ק מרן הגה"ק רבי **שרגא פייבל מגריצא** זי"ע, כ"ב תשרי תר"ט
- כ"ק מרן רבינו **יחיאל** - דער **אלטער רבי** זי"ע, י"ד שבט תרנ"ד
- כ"ק מרן רבינו **ירחמיאל ישראל יצחק** - דער **ישמח ישראל** זי"ע, כ"ט טבת עת"ר
- כ"ק מרן רבינו **שמואל צבי** - דער **תפארת שמואל** זי"ע, כ"ט תשרי תרפ"ד
- כ"ק מרן רבינו **יצחק מנחם** - דער **לעצטער רבי** אין אלכסנדר פולין הי"ד, כ"ג אלול תש"ב
- כ"ק מרן רבינו **יחיאל מנחם** - דער **רבי זכרונו לברכה**, ו' מרחשון תשמ"ט

## אזוי האט דער רבי געזאגט?

עס האט דערציילט א וואקרער חסיד, **רבי יונה פלאצקער ז"ל**, וואס האט נאך זוכה געווען צו פארן קיין ווארקא צום **אלטער רבי - הרה"ק רבי יצחק זי"ע**, אז אלס בחור איז ער אמאל געווען אויף ראש השנה אין ווארקא ביים רבי'ן, און אויפ'ן וועג אהיים צו זיין שטאט פלאצק איז איהם אויסגעקומען צו זיין שבת שובה אין **גאמבין** ווי **רבי שרגא פייביל** איז דעמאלט'ס געווען רב. דער מנהג איז געווען אז די חסידים פלעגן זיך צוזאמענקומען ביים רב אין שטוב יעדן שבת ווי רבי פייביל פלעגט פירן ווי א 'טיש' פאר'ן עולם, און דערביי האבן זיי געהערט פון איהם דברי תורה און חסידות. יעדן שבת שובה פלעגט רבי פייביל גיין באלד נאכ'ן טיש שבת בייטאג אין ביהמ"ד אריין כדי צו זאגן א שבת שובה דרשה פאר די שטאט'ס מענטשן ווי דער מנהג איז אז דער רב פון שטאט זאגט א דרשה, רבי פייביל פלעגט זיך נישט עקסטער צוגרייטן וואס צו זאגן ביים דרשה, נאר ער פלעגט אנהייבן צו שמועסן עפעס אן ענין אין דברי תורה ביי זיך אינדערהיים ביים



דער פראכטפולער שוהל אין שטאט גאמבין

טיש, און בדרך כלל פלעגט ער דרש'ענען אין שוהל אין דעם זעלבן ענין וואס מען האט אנגעהויבען ביים טיש, און דעראויף געבויט זיינע רייד.

יענעם שבת שובה ווען דער בחור יונה איז אויך געווען צווישען די פארזאמלטע ביי רבי פייביל'ס טיש, רופט זיך פלוצלינג אהן רבי פייביל "אפשר געפונט זיך דא איינער וואס איז געווען ראש השנה אין ווארקא?", יונה איז צוגעאנגען צו רבי פייביל און זיך פאָרגעשטעלט אלס א גאסט פון ווארקא. האט איהם רבי פייביל געפרעגט אויב ער האט אפשר געהערט א דבר תורה פונ'ם רבי'ן, האט יונה געזאגט אז ער האט געהערט פונ'ם ווארקער רבי'ן אזא ווארט אויפ'ן פסוק אנהייב פרשת האזינו, אז משה רבינו האט געבעטן פונ'ם הימל אז ווען א איד גייט דאווענען פאר השי"ת, כאטשיג ער איז א פשוט'ער איד, "הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם" זאל איהם דער הימל אויסהערן, "וַאֲדַבֵּרָה" כאילו איך אליין משה רבינו וואלט גערעדט און געבעטן די רייד, "וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ" און די ערד זאל אויסהערן די פשוט'ע ווערטער, ווי גלייך זיי וואלטן געווען "אִמְרֵי פִי" ווערטער פון מיין מויל, אז אפילו דער איד וואס בעט און דאווענט איז נישט אין אזא מדריגה, דאך זאלן זיינע תפילות ווערן אנגענומען ווי למשל משה רבינו אליין שטייט און בעט די תפלה.

ווי נאר רבי פייביל האט געהערט דעם טייטש פונ'ם ווארקער רבי האט ער זיך צוקאכט און געזאגט "אזוי האט דער רבי געזאגט", און ער האט זיך תיכף אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און געגאנגען אין שוהל אריין זאגן די דרשה, ווען די גאנצע דרשה איז געשטעלט אויף די הייליגע רייד פון זיין רבי'ן פון ווארקא, און אזוי האט ער מאריך געווען א לענגערע צייט מסביר זיין און עקלערן פשט אין די הייליגע ווערטער פונ'ם ווארקער רבי זי"ע.

## פונ'ם רבי'נס טעלער

אגב, נאך א קליין פינטל פון רבי פייביל'ס גרויס דביקות אין זיין הייליגער רבי פון ווארקא, ווי שוין פריער דערציילט האט רבי פייביל געהאט א גרויסע קפידא נישט צו עסן פון סתם א שוחט, אפילו א ירא שמים, און קומענדיג קיין ווארשא פלעגט ער נאר עסן פון איין געוויסער שוחט וועמען ער האט געטרויעט (ווי דערציילט באריכות אין **עוללות הכרם פרשת לך לך** מאמר ו'). דאך אבער אמאל ווען זיין רבי פון ווארקא איז אמאל אנגעקומען קיין ווארשא און רבי פייביל איז געזעצן ביי זיין טיש, און דער רבי האט איהם מכבד געווען צו עסן פון זיין טעלער וואס האט געהאט אין זיך פלייש פון א צווייטער שוחט, האט רבי פייביל געגעסן דערפון אנדערש ווי זיין שטייגער.

ווען מען האט שפעטער געפרעגט רבי פייביל'ען היתכן וויאזוי קען זיין אז ער האט מוותר געווען אויף זיין הקפדה נישט צו עסן פון אנדערע שוחטים, האט רבי פייביל זיך אנגערופען מיט וואונדער, א טעלער וואס דער רבי האט געגעסן דערפון זאל מיר בכלל איינפאלן א ספק אין איר כשרות? חס ושלום, אז דער רבי האט געגעסן פון די פלייש איז עס כשר וישר אהן קיין שום ספק!

## אין שטאט מאקאווא

בערך דריי יאר צייט איז רבי פייביל געזעצן אויפ'ן רבנות שטוהל אין שטאט גאמבין, ווי די שטאט'ס לייט האבן איהם געהאלטן מיט גרויס כבוד און ליבשאפט. אין יאהר תר"ו האט רבי פייביל איבערגענומען דאס רבנות אין שטאט **מאקאווע**, און ער האט פארלאזט דער שטאט גאמבין. אין מאקאווע האט רבי פייביל געדינט אלס רב ביז צו זיין פטירה אין יאהר תר"ח, און ער איז נטמן געווארן אינ'ם בית החיים אין מאקאווע (ווי עס וועט ווייטער געשילדערט ווערן אין די קומענדיגע פרקים אי"ה).

נאכדעם וואס רבי פייביל האט פארלאזט גאמבין, האט מען דארט אויפגענומען אלס רב דער וועלט בארימטער **גאון און שר התורה רבי יהושע'לע קוטנער זי"ע**, ווי עס ווערט דערציילט האט אויסגעבראכן מחלוקת אינ'ם שטאט גאמבין נאכדעם וואס רבי פייביל האט איר פארלאזט, און טייל מענטשן האבן גע'רודפ'ט און שווער געמאכט דאס לעבן פונ'ם נייעם רב רבי יהושע'לע זי"ע. רבי שרגא פייביל איז ספעציעל געקומען צו פארן פון מאקאווא ארויסצוהעלפן דעם נייעם רב אין גאמבין, און האט פארלייגט גרויסע כחות שטיל צו מאכן די בעלי מחלוקת און זעהן אז יעדער זאל זיין צופרידען. דער נאמען פון רבי פייביל איז געבליבן פאַרעֶהרט און פארהייליגט אין גאמבין פאר לאנגע יארן.



הגה"ק רבי יהושע מקוטנא זי"ע